קונטרס

# יפה ירושתינו

משנת אדונינו מורינו ורבינו צדיק הדורות
נגמ"ח מוהר"ן מברסלב זצוק"ל
מפי
הגה"צ רבי **יעקב מאיר שכטער** שליט"א

**ספה"ק משיבת נפש**
אות ט'

**אידיש**
מועתק מלשונו הזהב

קונטרס ו'
חודש מרחשון תשפ"ד לפ"ק

לשמיעת המאמר מפי הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יחודך**

**718-586-5199**

**בא"י 0765997840**

~~~

ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: **yyryms1@gmail.com**
וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של $20
עבור הוצאת עריכת הקונטרסים
נא להשאיר הודאה בקול דורשי יחודך נומער 9, או לשלוח אימעל בבקשה

©
כל הזכויות שמורות

נסדר לדפוס ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189
~~~

# תוכן המאמר


ארויפשטופן דעם חבר ........ ב
ממליך זיין דעם אויבערשטן אין דעם נסיון! ........ ד
דערלאנגען דעם תיקון ביים שפיץ ........ ה
אויסברענען דער 'רע' ........ ז
דערלאנג אים דעם קלאַפּ - תיכף ........ ח
אים צוריקשלעפן ביי די לייצעס ........ ט
שמירה מלאכים ........ י
פאַרשפאָרן יסורים ........ יא
ווער איז דער "אני"? ........ יב
געלעגן ממש אין קודש הקדשים ........ יד
דער מאכטפולער קראפט פון א גוטע מחשבה ........ טו
היכי דמי תשובה? ........ יז

# מאמר ה'

## אות ט'

**כְּשֶׁמִּתְחַזֵּק וּמְשַׁבֵּר הַמְּנִיעוֹת וְכוּ' וְכָל פַּעַם עוֹלֶה לַמַּדְרֵגָה הַשְּׁנִיָּה הַגְּבוֹהָה יוֹתֵר לְפִי בְּחִינָתוֹ, בָּזֶה עוֹשֶׂה טוֹבָה גַּם לַחֲבֵרוֹ שֶׁהוּא עוֹמֵד בְּאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה שֶׁהוּא נִכְנָס בָּהּ עַתָּה, כִּי חֲבֵרוֹ יוֹצֵא מִמֶּנָּה וְעוֹלֶה לְמַדְרֵגָה יוֹתֵר עֶלְיוֹנָה, כִּי אִי אֶפְשָׁר לִשְׁנֵי בְּנֵי אָדָם שֶׁיַּעַמְדוּ בְּמַדְרֵגָה אַחַת. וְזֶה בְּחִינַת "הֲרָמָה" [שֶׁקּוֹרִין "הויבין"], מַה שֶּׁאֶחָד מֵרִים וּמַגְבִּיהַּ אֶת חֲבֵרוֹ, הַיְנוּ כַּנִּזְכָּר לְעֵיל.**

ווען א מענטש איז זיך מחזק און ער צוברעכט די מניעות א.א.וו. און ער גייט אלץ ארויף צו א אנדערע און העכערע מדריגה לויט זיין שטאנד, טוט ער גלייכצייטיג מיט דעם א טובה פאר זיין חבר וואס שטייט אצינד אין דער מדריגה אין וואס ער טרעט יעצט אריין, היות זיין חבר גייט דורך אים ארויס פון דער מדריגה - ארויף צו נאך א העכערע מדריגה, ווייל עס איז נישט מעגליך פאר צוויי מענטשן צו שטיין אין איין מדריגה.

אט דאס וואס איינער הייבט אויף זיין חבר ווי פריער דערמאנט, ווערט אנגערופן: "הרמה". דאס טייטש, אויפהייבן.

(ליקוטי מוהר"ן סי' כ"ה)

**כְּשֶׁרוֹאֶה אָדָם שֶׁבָּאִים עַל מַחֲשַׁבְתּוֹ הִרְהוּרֵי זְנוּת וְהוּא מְשַׁבֵּר תַּאֲוָתוֹ וּמַסִּיחַ דַּעְתּוֹ מֵהֶם, זֶהוּ עִקַּר תְּשׁוּבָתוֹ וְתִקּוּנוֹ עַל פְּגַם הַבְּרִית שֶׁפָּגַם מִקֹּדֶם, כָּל אֶחָד כְּפִי עִנְיָנוֹ, כִּי זֶהוּ בְּחִינַת תְּשׁוּבַת הַמִּשְׁקָל מַמָּשׁ.**

**עַל כֵּן אַל יִפֹּל בְּדַעְתּוֹ כְּשֶׁרוֹאֶה שֶׁמִּתְגַּבְּרִין עָלָיו הִרְהוּרִים רָעִים וּמְגֻנִּים מְאֹד, כִּי אַדְּרַבָּא, זֶה דַּיְקָא תִּקּוּנוֹ וּתְשׁוּבָתוֹ כִּי דַּיְקָא עַל יְדֵי זֶה שֶׁבָּאִים עָלָיו אֵלּוּ הַהִרְהוּרִים וְהוּא מִתְגַּבֵּר עֲלֵיהֶם עַל יְדֵי זֶה דַּיְקָא הוּא עִקַּר תִּקּוּנוֹ וּתְשׁוּבָתוֹ כַּנַּ"ל וּבָזֶה הוּא מוֹצִיא נִיצוֹצֵי הַקְּדֻשָּׁה שֶׁנָּפְלוּ עַל יְדֵי פְּגַם הַבְּרִית וְכוּ'.**

ווען א מענטש זעט אז עס קומט אים אין געדאנק נישט ריינע געדאנקען, און ער צוברעכט זיין תאוה און ער איז מסיח דעת דערפון, אט דאס איז זיין עיקר תשובה און תיקון אויף דעם וואס ער האט פריער פוגם געוועןּ, יעדער איינער לויט זיין זאך, ווייל דאס איז אַן ענין פון תשובת המשקל ממש.

דעריבער זאל א מענטש נישט ווערן געפאלן ביי זיך ווען ער זעט אז עס זענען זיך מתגבר אויף אים גאר שלעכטע און מיאוס'ע הרהורים, ווייל פארקערט, דווקא דאס איז זיין תשובה און זיין תיקון, ווייל דווקא דורכדעם וואס עס קומען אויף אים די אלע הרהורים און ער איז זיך מתגבר אויף זיי, דווקא דאס איז זיין עיקר תיקון און זיין תשובה ווי אויבן דערמאנט. און מיט דעם ציהט ער ארויס הייליגע ניצוצות וואס זענען אוועקגעפאלן דורך זיינע פגמים א.א.וו.

(שם סי' כ"ז)

## ארויפשטופן דעם חבר

**"כְּשֶׁמִּתְחַזֵּק וּמְשַׁבֵּר הַמְּנִיעוֹת וְכוּ'".**

דער רבי זאגט: אז א מענטש איז געווען אין א קליינע מדריגה און ער גייט ארויף העכער און ער ווערט מער נתקרב צום אויבערשטן.

**"וְכָל פַּעַם עוֹלֶה לַמַּדְרֵגָה הַשְּׁנִיָּה הַגְּבוֹהָה יוֹתֵר לְפִי בְּחִינָתוֹ".**

ווייל אז ער האט זיך געגעבן א רוק אוועק פון הבלי עולם הזה, איז ער דאך געווארן אביסל נענטער צו השם יתברך. איז מיט דעם וואס ער גייט ארויף א העכערע מדריגה

**"בָּזֶה עוֹשֶׂה טוֹבָה גַּם לַחֲבֵרוֹ שֶׁהוּא עוֹמֵד בְּאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה שֶׁהוּא נִכְנָס בָּהּ עַתָּה, כִּי חֲבֵרוֹ יוֹצֵא מִמֶּנָּה וְעוֹלֶה לְמַדְרֵגָה יוֹתֵר עֶלְיוֹנָה".**

ער גיט א הייב דעם חבר וואס איז פריער געווען אין דער מדריגה - אז דער חבר גייט ארויף נאך א העכערע מדריגה.

**"כִּי אִי אֶפְשָׁר לִשְׁנֵי בְּנֵי אָדָם שֶׁיַּעַמְדוּ בְּמַדְרֵגָה אַחַת"**

- צוויי מענטשן קענען נישט שטיין אויף איין מדריגה! יעדער איינער האט זיך זיין מדריגה. קומט אויס, ווען א מענטש ווערט נתעלה אין עבודת השם, טוט ער א טובה א צווייטן מענטש אז יענער ווערט אויך נתעלה נאך העכער.

**"וְזֶה בְּחִינַת 'הֲרָמָה' [שֶׁקּוֹרִין 'הויבין'], מַה שֶּׁאֶחָד מֵרִים וּמַגְבִּיהַּ אֶת חֲבֵרוֹ, הַיְנוּ כַּנִּזְכָּר לְעֵיל".**

[דער רבי זאגט דאך, מען דארף גיין מדרגא לדרגא. א מענטש דארף זען צו ווערן אביסעלע העכער, ווערן מער נענטער צום אויבערשטן]. אוודאי גייט דאס ארויף ווען יענער איז אויך עוסק אין דעם, וואס מיט דעם אז ער האט זיך געשטארקט גאר שטארק און ער איז ארויף א העכערע מדריגה, טוט ער יענעם א טובה אז ער גייט נאך העכער.

אוודאי רעכנט דאס נישט (אריין) ווען יענער טוט עבירות צו שלעכטס - דעמאלטס איז ער אים נישט מֵרים, אדרבה, דעמאלטס פאלט יענער אראפ חס ושלום. אבער פארט, ווען צוויי מענטשן רייסן זיך אויף עבודת השם, איינער איז אין א קלענערע מדריגה - און א (צווייטער) - גרעסערער, קען אמאל דער קלענערער א טובה טון דעם העכערן אז יענער זאל גיין נאך העכער.

*

## ממליך זיין דעם אויבערשטן אין דעם נסיון!

### "כְּשֶׁרוֹאֶה אָדָם שֶׁבָּאִים עַל מַחֲשַׁבְתּוֹ הִרְהוּרֵי זְנוּת וְהוּא מְשַׁבֵּר תַּאֲוָתוֹ"

- ער צוברעכט זיין תאוה, ער טראכט נישט וואס מען טאר נישט טראכטן.

### "וּמַסִּיחַ דַּעְתּוֹ מֵהֶם"

- ער גייט אוועק אין אַן אנדערן פלאץ, ער טראכט אנדערע זאכן וואס מען מעג טראכטן, ער גייט נישט נאך די שלעכטע מחשבות.

### "זֶהוּ עִקַּר תְּשׁוּבָתוֹ וְתִקּוּנוֹ עַל פְּגַם הַבְּרִית שֶׁפָּגַם מִקֹּדֶם, כָּל אֶחָד כְּפִי עִנְיָנוֹ, כִּי זֶהוּ בְּחִינַת תְּשׁוּבַת הַמִּשְׁקָל מַמָּשׁ".

- דאס איז דער עיקר תשובה[א]. ווייל דאס איז א גרויסער כלל - א געוואלדיגער כלל; אוודאי איז א גרויסע זאך אז א מענטש פאַסט, צו ער איז זיך מצטער, ער ווערט נכנע, ער שעמט זיך פארן אויבערשטן וואס ער האט פוגם געווען און מורד געווען במלכות שמים. עם כל זה, דער עיקר תשובה איז, אז עס קומט אויף א מענטש א שלעכטן הרהור וואס מען טאר עס נישט טראכטן, און ער דערמאנט זיך אז מען טאר עס נישט טראכטן, און ער גייט אוועק פון דעם, מיט דעם איז ער ממליך דעם אויבערשטן 'במקום שאין אנשים' - קיינער ווייסט נישט, קיינער זעט נישט!

אט די צער וואס ער האט [- לעולם איז דאס נישט קיין צער, לעולם איז דאס דער גרעסטער תענוג פון התקרבות להשם יתברך! אבער עם כל זה, מען דארף דאך כופה זיין דער 'רע', איז דאך עס א צער בשעת מעשה], דאס איז דער גרעסטער תיקון וואס מיט דעם

---

**א.** עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ט: **ודע, שעיקר התשובה השלימה היא**, כשאדם עובר באלו המקומות ממש שהיה מקודם התשובה, כל אחד לפי מה שעבר עליו בימים הקודמים, וכשעובר באלו המקומות והענינים שהיה מתחילה ממש, ועכשיו פונה עורף מהם, וכופה יצרו לבלי לעשות עוד מה שעשה, **זהו עיקר התשובה השלימה, ורק זה נקרא תשובה**.

דערלאנגט ער א תיקון פאר דעם פריערדיגן פגם וואס ער האט געזינדיגט במזיד רחמנא ליצלן!

דאס איז א גרויסער כלל!

מענטשן זוכן תיקונים - אזעלכע תיקונים צו אזעלכע תיקונים - דער ריכטיגער תיקון דאס פארגעסט מען... דער אויבערשטער ווארפט אמאל אריין א מענטש אין א נסיון, וואס די כוונה פון דעם אויבערשטן איז, פארוואס דארף ער אים געבן פאר די פריערדיגע עבירות, גיהנום, כף הקלע, עינוי הנפש פון הונדערטער יארן, גיט ער דעם מענטש א נסיון - **׳זיי מיר ממליך מיט דעם נסיון - בין איך דיך מוחל אויף א פריערדיגן נסיון!׳**[ב]

## דערלאנגען דעם תיקון ביים שפיץ

טאקע אין דער תורה – אין תורה כ״ז אין ליקוטי מוהר״ן - טייטשט דער רבי[ג]: **״בְּהַיְנוּ דְּעָל״**; מיט דעם וואס עס גייט אריין אין דעם

---

**ב.** עיין בספר דברי שיר להגה״צ שליט״א (שיר השירים ג׳ ד׳) וז״ל: הרי כל אדם חוקר ומחפש לדעת מהו תיקונו המיוחד כדי להגיע למקומו הנכון – ובכן זהו תיקונך, איך שהולך לך מזה העולם, באופן מדוייק במצבך ובמידותיך, ובכל ה׳הלוך ילך׳ שלך, אחוז עצמך בהשי״ת; קיים ״אחזתיו ולא ארפנו״ במצבך הקבוע וגם בכל מעבריך ומצביך המשתנים, יהיה מה שיהיה, ואז בודאי אתה הולך בדרך הנכונה, אין לך לחקור ולהשקיע זמנים מיותרים לברר מה ה׳ רוצה מעמך, אין לך להטריח ללכת לבית המרקחת ולבקש תרופה מסויימת עבורך, כי שולחים לך זאת על ידי הבי דואר הביתה.. כל מה שעובר עליך, כל מה ששלחו לך משמיא, אם אך באלה תעבוד את ה׳, והיה זה תיקונך המיוחד השייך לך לפי שורש נשמתך.

**ג.** אות ח׳, על פי מה ששאלו הסבא דבי אתונא לר׳ יהושע בן חנניה: **״רציצא דמיית בביעותיה, היכא נפק רוחא. ואמר להו: בהיינו דעל״** (גמ׳ בכורות ח ע״ב). וז״ל: וזה פירוש: ״רציצא״, בחינת ׳קנה רצוץ׳. שהם העכו״ם, שהם רחוקים מבחינת ׳זקן זה קנה חכמה׳, מהדרת פנים, והם דבקים בקנה רצוץ, כמו שכתוב (תהלים ס״ח): ״גער חית קנה״. ״דמיית בביעותיה״, היינו להמית ולבטל בעותם וצלותם, מלבקש עוד מאלקים אחרים, אלא לקרוא כלם בשם ה׳. ״היכא נפק רוחא?״. היינו, זאת הבחינה אי אפשר אלא על ידי תיקון ברית, שהוא בחינת (יהושע ב׳): ״ולא קמה עוד רוח באיש״. ואיך מפיק ומוציא ניצוצי הקדושה

מענטש א שלעכטן הרהור און ער צוברעכט עס, ער איז מעלה מחשבתו, מיט דעם איז ער מתקן ממש א תיקון נפלא אז עס ווערט נעקר א חטא וואס ער האט פריער געטון במזיד![ד]

דאס הייסט, **א מענטש קען מיטן 'עתיד' מתקן זיין זיין גאנצן 'עבר'!**[ה]

**דאס איז כמעט די בעסטע עצה!**

**דאס איז דער גרעסטער תיקון! דאס איז דאך א תיקון אמיתי!**

אפילו אז א מענטש פאסט - פייניגט ער דעם גוף, אבער ער דערלאנגט נישט דער נקודה וואס מיט דעם האט ער דערצערנט דעם אויבערשטן. אבער אז ער האט א נסיון - א נסיון 'במעשה' חס ושלום, צו א נסיון 'במחשבה' חס ושלום - און ער איז ממליך דעם אויבערשטן, ער איז זיך מצטער און ער טוט עס נישט, האט ער גאר דערלאנגט דעם שונא, דעם יצר הרע, א קלאפ, דארט אוואו עס האט פריער דערלאנגט (הפגם) - און דאס איז דער ריכטיגער תיקון.

---

שנפלו על ידי פגם הברית? ואמר להם: **"בהיינו דעאל"** - בזה שנכנס בו רוח. **היינו בזה שנכנס בו רוח שטות, היינו הרהורי זנות, והוא משבר תאותו, בזה הוא מפיק ומוציא ניצוצי הקדושה של פגם הברית, כי זה הוא בחינת תשובת המשקל.**

**ד.** עיין מה שכתב על זה מוהרנ"ת זצ"ל בליקוטי הלכות הל' פסח ה"ח, אות ג': ומחמת זה כל מי שזוכה לתשובה, שזה בחינת יציאת מצרים שיוצאין מרשות הסטרא אחרא לתוך הקדושה, הוא צריך **בהכרח** מן השמים לשוב ולחזור לעבור דרך כל המקומות שהיה שם בתחילה כדי שיתנסה ויצטרף באותו ענין ממש, שזה עיקר התשובה, בחינת תשובת המשקל, ועל ידי זה מברר הניצוצות שנפלו בתחילה בבחינת **'בהיינו דאעל'** כנ"ל.

**ה.** עיין באוסף מכתבים (חלק ד' מכתב רמ"ט) וז"ל: מוהרנ"ת אמר פעם: כדאי כל מה שעבר עליו מיום הוולדו עד היום הזה כדי ללמוד מכל העבר כיצד להתחדש בעבודת השי"ת. בא וראה כמה השתמש מוהרנ"ת בהעבר לא להפילו ח"ו, כי אם הוציא מהעבר את הנקודה הקדושה איך להתחדש בעבודת השי"ת. ודי בזה המעט לקחת כח כדי להתחדש ולהתחזק בעבודת השי"ת אע"פ שעבר עליו מה שעבר, להתחדש ולהתחזק היטב בהשי"ת בכל המצבים, בבחינת מה שנכתב בשיר השיר של התשוקות כנסת ישראל להשי"ת (שיר השירים ג' ד') "אחזתיו ולא ארפנו".

דער כלל איז אזוי, אין תיקון העוונות איז דא צוויי זאכן: עס איז דא א תיקון וואס א מענטש האט יסורים, וואס אנשטאט דער אויבערשטער זאל געבן דעם מענטשן יסורים אויף וואס ער האט מורד געווען במלכות שמים, מאכט ער זיך אליין אָן יסורים און ער האט חרטה אויף דעם[ו]. ווייטער איז דא, אז ער דארף עוקר זיין דעם עצם חטא.

### אויסברענען דער ׳דע׳

עס ווערט געבראכט[ז], די ׳חלוצי צבא׳ ביי מדיָן האבן מנדב געווען פארן אויבערשטן א כפרה לכפר על נפשותיהם. אויף וואס איז געווען די כפרה? אזוי ווי זיי זענען געגאנגען און זיי האבן געפאנגען אלע נשי מדיָן, האבן זיי געזאגט צו משה רבינו׳ן: **״מידי עבירה יצאנו״** - זיי זענען דאך געווען צדיקים, אבער **״מידי הרהור לא יצאנו״**. פארוואס? ווייל זיי האבן געדארפט נעמען נשים אין שבי.

פארוואס האבן זיי דאס געזאגט? ווייל פאר דעם האבן זיי געהערט די הלכה פון ״גיעולי כלים״, אז א כלי וואס מען האט געקאכט אין דעם אַן איסור, דארף זיין **״תַּעֲבִירוּ בָאֵשׁ״**[ח], אז עס זאל אויסברענען דעם איסור. אָהּ, האבן זיי געזאגט, אויב אזוי (קומט אויס), אז אַן איסור גייט אריין אין א מענטשן און עס ווערט נבלע אין אים א זוהמא, דארף מען דאך ברענגען א תיקון אז עס זאל ארויסגיין די זוהמא. דערפאר האבן זיי געברענגט א תיקון לכפר על נפשותיהם[ט].

קומט אויס, אז א מענטש קומט נאכדעם וואס ער האט חרטה אויפן חטא, דארף ער האבן גיעולי כלים דאס אויסצולייטערן כפי

**ו.** וכענין המובא בגמרא (ברכות יב ע״ב) ״כל העושה דבר עבירה ומתבייש בו מוחלין לו על כל עונותיו״.

**ז.** שבת סד ע״א.

**ח.** במדבר לא, כג.

**ט.** מובא בשיח שרפי קודש (פוילן) פר׳ מטות בשם החידושי הרי״ם.

דער חיבור וואס די עבירה איז געווען. אזוי ווי עס שטייט: וואס איז געווען 'ברותחין' - דארף מען נאכאמאל אריינלייגן 'ברותחין'. קומט אויס, מען דארף אויס'עסן דער 'רע'.

דערפאר טאקע גיט דער רבי דא א גוטן תיקון, אז טאקע מיט דעם אליין וואס א מענטש נעמט דעם עבר וואס ער האט עובר געווען, וואס ער ווייסט אז ער איז פול מיט 'איסור נבלע בו', און ער נעמט זיך פאָר פון ערשט און ווייטער אז ווען ער וועט האבן א הרהור רע וועט ער אנטלויפן פון דעם, און אז ווען ער וועט האבן א (נסיון פון א) חטא וועט ער דאס ביישטיין, מיט דעם איז ער 'עוקר את הרע מעיקרא'. און דאס איז א תיקון אמיתי, סיי מחילת עוונות, און סיי ער ווערט נזדכך דורך דעם פון דער זוהמא וואס איז אריין אין אים פון די פריערדיגע חטאים.

### דערלאַנג אים דעם קלאַפּ - תיכף

דער אור החיים הקדוש אין "אחרי מות"[י] זאגט א גרויסער כלל אין קדושה. דער כלל פון דעם איז: **דערלאנגען דעם קלאפ ביי דער התחלה!** ווייל וואס א מענטש גייט אריין טיפער אין דעם, איז אים שווערער ארויסצוגיין רחמנא ליצלן. דערפאר, ביי דער התחלת הראיה - גלייך ממליך זיין דעם אויבערשטן און אנטלויפן! ממליך זיין דעם אויבערשטן 'בעיניו' 'ובהתחלת המחשבה'! און דעמאלטס, זאגט ער, גיט עס א קלאפ און דו ביסט מצליח, דו ביסט מנצח! ווייל וואס ווייטער מען גייט אריין אין דעם, איז שפעטער שווערער זיך ארויסצוזען פון דעם.

דערפאר טאקע, אז א מענטש שפירט אז די מחשבה איז אים פארגאנגען - - אוודאי, אויף די ערשטע מחשבות וואס עס קומט אליין איז **"לא ניתנה תורה למלאכי השרת"**[יא], אדרבה, דאס וויל דער

**י.** ויקרא יח, ב.

**יא.** ברכות כ"ה ע"ב. גם עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ט: העבר אַין, והעיקר מכאן ולהבא

אויבערשטער - מען זאל ממליך זיין דעם אויבערשטן, עס זאל נתעורר ווערן א ׳רע׳ - און מען זאל עס מכניע זיין, מען זאל עס מזכך זיין. אבער די עצה איז - ביי דער התחלה! א מענטש דארף זיין א גרויסער זריז צו כאפן אז די מחשבה איז אים פארגאנגען אין א נישט גוטן פלאץ, און גלייך מעביר זיין דער מחשבה און אריינגיין אין פלאץ.

## אים צוריקשלעפן ביי די לייצעס

אין דער הקדמה פון "תיקון הכללי" שטייט[יב], אז א מענטש פארט אויף א פערד אויף א געוויסער שביל, און ער זעט אז דער פערד איז אראפ פון שביל און ער קען אים פירן אויף א נישט גוטן וועג, גיט ער אים א שלעפ ביי די לייצעס צוריק אריין - גיי גלייך. און אז ער גייט ווייטער אראפ פון שביל - גיט ער אים ווידער א דריי - גיי ווייטער גלייך, אזוי אז ער זאל אלעמאל גיין גלייך.

אט דאס איז די ארבעט פון א מענטשן. דער כלל איז, וואס ווייטער דער פערד איז פארגאנגען אין פארקרימטע דרכים, איז איר שווערער צוריק צו פירן צוריק אין שביל. דערפאר דארף א מענטש זיין א זריז - ביי דער ערשטע מחשבה - אין דער ערשטע רגע וואס ער דערמאנט זיך אז די מחשבה איז פארגאנגען אין דעם נישט גוטן פלאץ, גלייך זאל ער איר מעביר זיין אין דעם ריכטיגן וועג.

---

לא יעשה עוד, ויהיה שב ואל תעשה על כל פנים, הן במחשבה והן במעשה. כי גם המחשבה של אנשים כאלו היא גם כן עשיה, כי גם בעולם העשיה יש מחשבה, **וצריך להיות שב ואל תעשה במעשה ובמחשבה** כנ״ל. **ומה שנעשה עמו ממילא, אל יחוש ואל יסתכל על זה כלל.**

**יב.** עיין ליקוטי מוהר״ן תניינא סי׳ נ׳: המחשבה ביד האדם להטותה כרצונו למקום שהוא רוצה, וכמבואר במקום אחר, שאי אפשר שיהיו שני מחשבות ביחד כלל. ואפילו אם לפעמים הולכת מחשבתו ופורחת ומשוטטת בדברים אחרים וזרים, הוא ביד האדם לחזור ולהטותה בעל כרחה אל הדרך הישר, לחשוב מה שראוי. **והוא ממש כמו סוס שפונה מן הדרך וסר לדרך אחר, שתופסין אותו באפסר וכיוצא, ומחזירין אותו בעל כרחו אל הדרך הישר. כמו כן במחשבה ממש**, שיכולין לתפסה בעל כרחה להשיבה אל הדרך הראוי.

אט דאס איז דער תיקון ביי יעדער פעולה וואס מען טוט. אז א מענטש זעט אז די מחשבה איז אים פארגאנגען און ער ברענגט דאס צוריק אריין, האט ער מזכך געווען א זוהמא פון אים. און אז עס איז ווייטער אוועקגעגאנגען - זאל ער דאס ווייטער צוריקברענגען צו דעם ריכטיגן וועג. אזוי גייט א זיכוך נאך א זיכוך.

א מענטש האט אסאך זוהמא. רבי נתן ברענגט אראפ[יג], ווען מען גיט ווען דעם מענטשן דער גאנצער זוהמא מיט איינמאל (לתקן), וואלט ער דאס נישט געקענט בייקומען. גיט מען עס אים צוביסלעך. אבער יעדע פעולה וואס מען טוט איז א פעולה און א תיקון - אין זיך, און אין דער גאנצער בריאה - בלי ספק!

## שמירה מלאכים

דער רבי ר' פנחס'ל קאריצער זאגט[יד], **"כִּי מַלְאָכָיו יְצַוֶּה לָּךְ לִשְׁמָרְךָ"**[טו] - א מענטש האט דאך מלאכים אויף זיך; וואספארא מחשבות ער האט, אזעלכע מלאכים האט ער. אז ער האט הייליגע מחשבות, האט ער הייליגע מלאכים, און אז חלילה פארקערט, גייען אים נאך מלאכי חבלה - ממש מלאכי חבלה. די מלאכים וואס זענען ארום דעם מענטש, זענען כפי מחשבותיו.

---

**יג.** ליקוטי הלכות הל' נטילת ידים לסעודה ה"ו, אותיות ט"ז-י"ז, וז"ל: מה שמבואר בסימן כ"ז על פסוק "הנה לשלום מר לי מר" וכו', עיין שם, מבואר שם ששלום הוא רפואה לכל הדברים רפואת הנפש ורפואת הגוף. אבל אי אפשר לקבל השלום כי אם על ידי מרירות וכו' **רק שה' יתברך מרחם עליו ואינו שולח עליו מרירות כפי עוונותיו הרבים שלא היה יכול לסבול. רק שולח עליו מרירות כפי יכלתו** וכו' ... **אבל צריכין לידע ולהאמין שה' יתברך שולח המרירות ברחמנות ומשליך כל חטאתיו אחר גוו ואינו שולח לו מרירות כפי עוונותיו רק כפי יכלתו** כמו שמבואר שם בסימן הנ"ל. **אבל על כל פנים בהכרח שיסבול זה המרירות.**

**יד.** עיין ספר אמרי פנחס שער ו - דרכי עבודת השי"ת, אות נ"ה: **מלאכי שמירה הם המחשבות הקדושות.**

**טו.** תהלים צא, יא.

אט דאס זאגט דער רבי, כפי וואס א מענטש צוברעכט די מחשבות רעות און ער גיט אריין מחשבות טובות, דאס איז די ריכטיגע תשובת המשקל, מיט דעם איז מען אים מוחל אלע עוונות הקודמים.

דאס הייסט, אנשטאט וואס דער בעל דבר נעמט פון א מענטשן זיין 'עבר' און ער מאכט אים מרה שחורה'דיג און ער צוברעכט אים דעם גאנצן 'עתיד', קען מען גאנץ גרינג און גאנץ פשוט נעמען דעם 'עבר' און זיך אויסלערנען גוטע הייליגע עצות ווי אזוי פון אלע תקלות וואס מען האט געהאט, זיך ארויסלערנען וויאזוי זיך צו פירן[טז]. דאס הייסט, נעמען דעם 'עתיד' און מתקן זיין דעם 'עבר'!

אנשטאט צו נעמען דעם עבר און צוברעכן דעם עתיד, דארף מען נעמען דעם עתיד און פאררעכטן דעם עבר!

דער רבי זאגט: דאס איז תשובת המשקל ממש!

בדיוק ממש תשובת המשקל![יז].

### פאַרשפאָרן יסודים

## "עַל כֵּן אַל יִפֹּל בְּדַעְתּוֹ כְּשֶׁרוֹאֶה שֶׁמִּתְגַּבְּרִין עָלָיו הִרְהוּרִים רָעִים וּמְגֻנִּים מְאֹד".

אדרבה, דער אויבערשטער וויל תיקונים (על העבר), גיט ער דיר הרהורים רעים אז דו זאלסט מסלק זיין די מחשבה פון דעם, און מיט דעם וועסטו מתקן זיין דעם עבר, דו וועסט פארשפאָרן מיט

---

**טז.** כענין המובא בגמרא (שבת קכ; וגיטין מג) על פסוק (ישעי' ג, ו) "והמכשלה הזאת תחת ידך" - אלו דברי תורה שאין אדם עומד עליהם אלא אם כן נכשל בהם.

**יז.** עיין ליקוטי הלכות הל' גיטין ה"ג, אות כ"ב: "ועל כן אם יזכור אדם זאת בתוקף ירידתו ונפילתו ויאמין זאת באמונה שלימה שדייקא במקומו מסתיר את עצמו השם יתברך בעצמו להחיותו, ומרמז לו רמזים מרחוק לשוב אליו בנקל **בשב ואל תעשה לבד**, אז בודאי יכול לזכות להתקרב אליו יתברך מכל מקום שהוא **ולהפוך הירידה לעליה**, וכמבואר במקום אחר".

דעם יסורים אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, ממש פאררעכטן דעם עבר[יח].

**"כִּי אַדְּרַבָּא, זֶה דַּיְקָא תִּקּוּנוֹ וּתְשׁוּבָתוֹ".**

דער אויבערשטער וויל אז דו זאלסט תשובה טון, מאכט ער אָן א התגברות - שטארק זיך, מיט דעם וועסטו מתקן זיין גאר פריערדיגע פגמים.

**"כִּי דַּיְקָא עַל יְדֵי זֶה שֶׁבָּאִים עָלָיו אֵלּוּ הַהִרְהוּרִים וְהוּא מִתְגַּבֵּר עֲלֵיהֶם עַל יְדֵי זֶה דַּיְקָא הוּא עִקַּר תִּקּוּנוֹ וּתְשׁוּבָתוֹ כַּנַּ"ל, וּבָזֶה הוּא מוֹצִיא נִיצוֹצֵי הַקְּדֻשָּׁה שֶׁנָּפְלוּ עַל יְדֵי פְּגַם הַבְּרִית וְכוּ'".**

ווען א מענטש נעמט א הייליגע מחשבה וואס מיט די מחשבה קען ער דאך זיין דבוק אין דעם אויבערשטן, דבוק אין דעם דעת פון דער הייליגער תורה הקדושה, און ער טראכט מיט די מחשבה שלעכטס, האט ער גענומען א חלק הקדושה און עס אריינגעווארפן אין דער טומאה. די זעלבע זאך פארקערט, מיט דעם וואס ער צוברעכט די שלעכטע מחשבות, נעמט ער ארויס די אלטע חלקי הקדושה וואס איז אריינגעפאלן אין די קליפות, און ער ברענגט עס צוריק אריין אין דער קדושה.

### ווער איז דער "אני"?

עס שטייט פון רבי'ן[יט], און די זעלבע זאך שטייט פון בעל שם טוב[כ], **א מענטש אוואו ער טראכט - דארטן איז ער ממש!**

---

**יח.** עיין באוסף מכתבים (חלק ג' מכתב קנ"ב) וז"ל: ואמרו על זה בגמרא (מכות כג) כל היושב ולא עבר עבירה נותנים לו שכר כאילו עושה מצוה. רבי שמעון ברבי אומר, הרי הוא אומר "רק חזק לבלתי אכול הדם כי הדם הוא הנפש ולא תאכל הנפש עם הבשר (דברים יב, כ"ג) ומה דם שנפשו של אדם קץ ממנו, הפורש ממנו מקבל שכר, גזל ועריות שנפשו של אדם מתאוה להן ומחמדתן – הפורש מהן על אחת כמה וכמה שיזכה לו ולדורותיו ולדורות דורותיו וכו'.

דער אמת איז דאך טאקע אזוי. דער רבי זאגט דאך[כא], דער עיקר וואס א מענטש זאגט "אני" מיינט עס נישט דעם גוף, נאר עס מיינט די נשמה, דאס איז דער עיקר "אני" ביי דעם מענטש. דער גוף איז נאר א לבוש אויף דער נשמה.

דער אר"י הקדוש ברענגט אראפ[כב], עס איז דא א פסוק[כג]: **"עַל בְּשַׂר אָדָם לֹא יִיסָךְ"** – עס שטייט ביי דעם 'שמן המשחה'. "בשר אדם" איז פשט, די 'נשמה' איז "אדם", און דער 'גוף' איז "בשר אדם". קומט אויס, דער עיקר מענטש איז די מחשבה, דארט וואו א מענטש טראכט - דארטן איז ער, ממש דארטן געפינט ער זיך.

עס שטייט טאקע פון בעל שם[כד], אז א מענטש טראכט שלעכטע מחשבות, זאל ער וויסן אז ער געפינט זיך ערשט במקום השדים

**יט.** ליקוטי מוהר"ן סי' כ"א, אות י"א: **ועל כן במקום שחושב השכל, שם כל האדם**.

**כ.** עיין כתונת פסים פר' קרח דף מ' ע"ג בסופו שכתב, וזה לשונו: "**ובשם מורי שמעתי באריכות ונכתוב בקיצור כי במקום שמחשבת האדם שם הוא כולו הן ברוחניי, אם חושב ברוחני שם נשמתו**, והוא הדין וכו'".

**כא.** ליקוטי מוהר"ן סי' כ"ב, אות ה': עיקר עצמיות האדם, מה שנקרא אצל האדם אני, הוא הנשמה, שהיא עצם הקיים לעד.

**כב.** שער הגלגולים הקדמה א', וזל"ש: אמנם דע, כי האדם עצמו, הוא הרוחניות אשר בתוך גוף, והגוף הוא לבוש האדם, ואיננו האדם עצמו. וכמש"ה **"על בשר אדם לא ייסך"**, וכנזכר בזוהר פרשת בראשית דף כ' ע"ב. עיין גם "שערי קדושה" (למהרח"ו) ח"א, שער א': נודע אל בעלי מדע, כי גוף האדם איננו האדם עצמו מצד הגוף כי זה נקרא בשר האדם, כמו שכתוב (איוב י' י"א) "עור ובשר תלבישני ובעצמות וגידים תשוככני", ועוד כתיב (שמות ל' ל"ב) **"על בשר אדם לא ייסך"** וגו'. **נמצא האדם הוא הפנימיות, אבל הגוף הוא ענין לבוש אחד תתלבש בו נפש השכלית אשר היא האדם עצמו בעודו בעולם הזה, ואחר הפטירה יופשט מעליו הלבוש הזה ויתלבש בלבוש זך ונקי רוחני**, וכמו שכתוב (זכריה ג' ד') "הסירו הבגדים הצואים וגו' והתלבש אותך מחלצות", הוא הנקרא חלוקא דרבנן.

**כג.** שמות ל, לב.

**כד.** עיין "לקט אמרי פנינים" (קאמארנא) אות כ"א, וזה לשונו שם: **"שמעתי מפורש מפי מורי במקום שחושב האדם שם הוא כולו**, אם חושב בקדושה במציאות השם יתברך וביחודי שמותיו, דיוקנא שלו שלים קמי עתיק יומין, כי שם הוא כולו, **וכן המהרהר הרהורים**

והלילין, ער געפינט זיך אין דער סטרא אחרא, און לעתיד וועט ער זיין ביי זיי אין די הענט, זיי וועלן אים פייניגן און ער וועט דארפן נזדכך ווערן, ווייל דארטן איז ער געווען כפי וואס ער איז געווען דא במחשבה ביי זיי. סיידן אז ער טוט תשובה, אזוי ווי מיר האבן יעצט געלערנט. אז ער טוט תשובה, דאס איז תשובת המשקל.

## געלעגן ממש אין קודש הקדשים

איך האב אמאל צוגעשטעלט א שיינע רַאיה אויף דער זאך וואס דער רבי און דער בעל שם זאגן, אז וואו דער מענטש טראכט - דארטן איז ער, א ראיה פון א פסוק. עס שטייט אין שמואל אזוי[כה]: "**וְנֵר אֱלֹקִים טֶרֶם יִכְבֶּה**". דאס הייסט, איידער דער נר תמיד אין משכן איז אויסגעגאנגען, "**וּשְׁמוּאֵל שֹׁכֵב בְּהֵיכַל ה' אֲשֶׁר שָׁם אֲרוֹן אֱלֹקִים**". נאכער שטייט: "**וַיִּקְרָא ה' אֶל שְׁמוּאֵל**".

לכאורה, ווען מען לערנט דעם פסוק, איז זייער שווער; עס שטייט: "ושמואל שוכב בהיכל ה' אשר שם ארון אלוקים" - דאס איז דאך דער קודש הקדשים, און שמואל איז געווען א לוי - א לוי טאר דאך נישט אריינגיין אין קודש הקדשים, אפילו א כהן טאר נישט, נאר א כהן גדול מיט גאנצע תנאים?

איז דער תרגום יהונתן, און אזוי אויך רש"י, לערנען פשט אזוי: "ונר אלוקים טרם יכבה ושמואל שוכב" – בעזרת הלויים. און "בהיכל ה' אשר שם ארון אלוקים" - איז "ויקרא ה' אל שמואל". דאס הייסט, פון וואנעט רעדט דער אויבערשטער? פון די כרובים וואס דארט איז די השראת השכינה. איז פון דארטן איז ארויס דער קול הנבואה צו שמואל'ן.

---

**רעים וקשים, עומד ממש בגיהנם, ואש של גיהנם ממש בוער בו, והוא בחייו בשאול תחתית, מכל שכן אחר מותו, ירדו שאול חיים**, וצדיקים ישמחו בשמח"ה אותיות מחשב"ה יעלצו לפני אלהים".

**כה.** שמואל-א א, ג-ד.

אוודאי איז דאס דער ריכטיגער פשט אז שמואל איז געשלאפן אין עזרת הלויים און דער קול הנבואה איז געקומען פון קודש הקדשים, אבער דאס לשון הפסוק קוקט נישט אויס אזוי, מען דארף דאך דא דרייען דעם פסוק: "ושמואל שוכב" - במקומו, און "בהיכל ה׳ אשר שם ארון אלוקים" - פון דארטן איז "ויקרא ה׳ לשמואל". דאס לשון הפסוק איז דאך: "ושמואל שוכב בהיכל ה׳ אשר שם ארון אלוקים"?

האב איך געקלערט, ׳המקרא הזה אומר דרשוני׳, וויבאלד עס שטייט דאך ארויס בפירוש דאס לשון אז עס זאל אויסקוקן אז ער איז געשלאפן אין קודש הקדשים.

אבער מיט דעם כלל וואס דער רבי זאגט אז אוואו א מענטש טראכט - דארטן איז ער, איז זייער גוט. וויבאלד שמואל איז טאקע שוכב בעזרת הלויים, אבער אוואו זעט מען זיין מח? זיין מח איז געווען דבוק אין קודש הקדשים אוואו דארטן איז דא השראת השכינה, דערפאר איז זיין נשמה טאקע געלעגן דארטן אין קודש הקדשים! וויבאלד ער איז געווען דארטן דבוק, האט ער געהערט מבין שני הכרובים דעם קול פון דער נבואה, ווייל אויב ער איז טאקע דארטן געווען, האט ער געהערט פון דארט דעם קול ה׳. קומט אויס, דער פסוק איז טאקע מגלה, אוואו מען טראכט - דארטן איז מען!

ממילא קען מען זאגן, וויבאלד אוואו א מענטש טראכט דארטן איז ער - טראכט כסדר פון השם יתברך![כו]

## דער מאכטפולער קראפט פון א גוטע מחשבה

דאס ווייסט די גאנצע וועלט אז א שלעכטע מחשבה איז שלעכט – דאס ווייסט די גאנצע וועלט, אבער אז א גוטע מחשבה איז גוט - דאס פארגעסט מען!...[כז]

---

**כו.** עיין גם ליקוטי מוהר״ן סי׳ ל״ה (ע״פ ליקוטי עצות): וזה עיקר התשובה ותיקון על כל העוונות, כשמתגבר לגרש כל המחשבות חיצוניות מדעתו ושכלו. **כי השכל הוא**

אין דעם רבי'נס ספרים איז דא זייער אסאך[כח] אז מען זאל בענקען צום אויבערשטן; דו קענסט גארנישט טון? בענק צום אויבערשטן - ווי ווערט מען אַן ערליכער איד?

ווי נעמט מען זיך צום לערנען?

ווי נעמט מען זיך צום דאווענען?

- אט די מחשבות זענען דאך הייליגע מחשבות, איז דאס טאקע א תיקון אויף די שלעכטע מחשבות.

דאס איז א געוואלדיגער כלל צו וויסן; מען ווייסט פון 'סור מרע', אבער מען דארף דאך אויך וויסן פון 'עשה טוב'. אנשטאט צו טראכטן

---

**הנשמה, וכשמקדש שכלו, היינו נשמתו, על ידי זה מגביה ומשיב הכל לשרשו, וזה עיקר התשובה.**

**כז.** עיין ליקוטי הלכות הל' נזיקין ה"ד, אות ג': צריך כל אדם לידע שחוט השערה יקר מאד מאד והוא תלוי בכל עת בחוט השערה, שיכול האדם לקלקל הרבה מאד על ידי חוט השערה חס ושלום, וכל שכן וכל שכן שיכול לתקן הרבה על ידי חוט השערה, כי מידה טובה מרובה ממידת פרעניות ... וכן אפילו בעניני התאוות והרהורים שמתגברים על האדם בכל יום - מי שהוא איש כשר קצת יש לו בודאי יסורים גדולים מזה, ומתגבר בכל עת נגד המחשבות וההרהורים. וכל תנועה שמנתק עצמו מהם כחוט השערה הוא יקר בעיניו יתברך מאד מאד, כי הוא ידע יצרנו וכו' ויודע איך הוא מתגבר על כל אחד ואחד, על כן יקר בעיניו יתברך כל תנועה ותנועה אפילו היא כשערה ממש מה שהאדם מושך את עצמו מהסטרא אחרא אל הקדושה. וכמו שכתב רביז"ל (ליקו"מ תנ' מ"ו) "מסירת נפש יש לכל אחד מישראל בכל יום" וכו'.

**כח.** ולדוגמא נציין מה שכתוב בשיחות הר"ן אות כ"ז, וז"ל בא"ד: ואם לפעמים אין האדם יכול לעשות כלל בעבודת ה', מה לעשות, אונס רחמנא פטריה. וירגיל עצמו לכסוף ולהתגעגע ולהשתוקק תמיד אליו יתברך, **כי ההשתוקקות והכיסופין בעצמם הם דברים גדולים מאד**, ורחמנא לבא בעי. ויש בענין זה כמה שיחות וסיפורים יפים ששמענו, שהם עצות גדולות טובות מאד להרגיל עצמו בעבודתו יתברך, אך אי אפשר לבאר דברים אלו בכתב היטב. והמשכיל החפץ באמת יבין קצת. גם עיין שם אות ר"ס, וז"ל: **פעם אחת דיבר עמי והפליג במעלת ההשתוקקות והכיסופין והגעגועים לדברים שבקדושה - אף על פי שאינו זוכה לעשותם - אף על פי כן ההשתוקקות והגעגועים בעצמן טובים מאד** וכו'. וכמבואר בדברינו כמה פעמים. ואז הביא ראיה לזה מהדין המבואר בשולחן ערוך אורח חיים סימן ס"ב (סעיף ד), וכו', עיין שם בפנים.

פון שלעכטס - טראכט פון גוטס! בענק! דו קענסט נישט לערנען, דו קענסט נישט גארנישט טון - בענק **"מָתַי אָבוֹא וְאֵרָאֶה פְּנֵי אֱלֹקִים?!"**[כט] - 'ווען וועל איך זיצן און לערנען בהתמדה? ווען וועל איך דאווענען בכוונה? ווען וועל איך זיין אפגעהיטן? ווען וועל איך דינען דעם אויבערשטן?' - דאס אליין איז שוין א התקרבות צו השם יתברך! ווייל אוואו מען טראכט - דארטן איז מען![ל]

## היכי דמי תשובה?

די גמרא זאגט טאקע[לא], תשובה דארף זיין "באותו מקום". ווי קען זיין 'באותו מקום'? אז א מענטש איז געגאנגען אין א שלעכטן פלאץ, זאל ער גיין דארטן און תשובה טון? ער קען דאך אריינפאלן נאכאמאל חס ושלום? אבער מיט דעם וואס דער רבי זאגט אז אמאל גיט מען 'מן השמים' דעם מענטשן הרהורים מגונים חס ושלום וואס די כוונה איז אז ער זאל עס צוברעכן און מיט דעם פאררעכטן די אלטע, איז 'אין הכי נמי', די הרהורים מגונים וואס מען גיט אים איז פשט, די מחשבה האט מען אריינגעווארפן אין יענעם פלאץ אז ער זאל דארטן ממליך זיין דעם אויבערשטן, וואס אז ער צוברעכט דאס האט ער דארטן אין דער מקור הטומאה ממליך געווען השם יתברך און געמאכט א תיקון[לב].

---

**כט.** תהלים מב, ג.

**ל.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' מ"ט (ע"פ ליקוטי עצות): כל תיקון האדם וקלקולו, חס ושלום, הכל תלוי במחשבה שבלב.

**לא.** יומא פו ע"ב; ועיין שפת אמת שם; גם עיין בבן יהוידע שם ד"ה 'ואכתוב כאן מעשה נפלאה לקיים דברי חכמינו ז"ל', עיין שם בפנים.

**לב.** עיין ליקוטי הלכות הל' מנחה ה"ז, אות ח': **כי באמת עיקר התשובה היא כשבא האדם אל המקומות שהיה בהם מתחילה ושב מהם** וכו', **כמו ששמעתי מפיו הקדוש**. וכמו שאמרו רז"ל **היכי דמי תשובה** וכו'. **והעיקר תלוי במחשבה**, כשהאדם מתגבר על המחשבות רעות ואפילו אם מתגברים עליו המחשבות כמו שמתגברים חס ושלום. **אף על פי כן בכל רגע שמתגברים כנגדם וכו', זהו בחינת תשובה** וכו', וכמו שכתוב "לרגעים תבחננו" וכו'. **ואם**

אוודאי איז לכתחילה אז מען זאל דארטן נישט גיין, אבער אז ער גייט שוין דורך, דארף מען זיין א זריז. אזוי ווי דער אור החיים זאגט: 'וואס גיכער!' וואס גיכער כאפן זיך און איבערקערן דער מחשבה און ממליך זיין און מאכן טאקע דעם ריכטיגן תיקון.

*

---

**יהיה חזק בזה יוכל לזכות ברבות הימים לתשובה שלימה**. ועל כל פנים 'לית רעותא טבא דאיתאבד' וכו' כמבואר בדברינו הרבה בזה. ואי אפשר לבאר הכל בכתב.

# מזלא טבא וגדיא יאה

לכבוד אנשי שלומינו החשובים, העוסקים בתורה בעבודה
ובגמילות חסדים, שהשתתפו בעין טובה וברוח נדיבה

ה"ה

הרב שמעון ישראל
פאזען שליט"א
לרגל ארוסי בנו הבה"ח יוסף נ"י
עב"ג הרב בערל פריעד שליט"א

מוה"ר יואל (בר"מ)
פריעדמאן הי"ו
לרגל נישואי בתו החשובה עב"ג
החתן החשוב נ"י בן מוה"ר יואל
דייטש הי"ו

מוה"ר יצחק משה
גאלדבערגער הי"ו
לרגל נישואי בתו עב"ג
החתן החשוב אברהם פריעדמאן נ"י

מוה"ר חנני' יו"ט ליפא
קנאפלער הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב

מוה"ר שמעון יודא
מערמלשטיין הי"ו
לרגל הולדת בתו למזל טוב

ויה"ר שמשמחות אלו יושפעו לנו ולכל ישראל כל השפעות טובות ברוחניות
ובגשמיות, אך טוב וחסד ירדפנו כל ימי חיינו, בביאת משיח צדקינו בב"א

# חזק ואחוז עצמך

דער הייליגער רבי זאגט אין דעם מאמר פון "כי מרחמם ינהגם" (ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ז'): **"מי שיודע קדושת ישראל"** – דער הייליגער רבי וואס ווייסט קדושת ישראל **"מֵאַין הן לקוחים"** – פון וואנעט מיר קומען, און די רוחניות ודַקות – דאס איידלקייט און די גרויסקייט – (הוא יודע) אז מיר זענען **'רחוק מעוונות לגמרי לגמרי בתכלית בתכלית!'**

דער רבי זאגט (שם): די גרעסטע יסודים אין דער וועלט וואס מען קען נאר געבן, קומט נישט צו דער צער פון א אידישע נשמה וואס פאלט אריין אין חטאים עוונות ופשעים!

און דא האבן צדיקים ארויסגעגעבן דיבורים צו ראטעווען, ראטעווען דעם בת מלך, ארויסצונעמען פון שאול תחתית, ארויסנעמען יעדן איינעם פון זיינע מיצרים, כל אחד ואחד לפי בחינתו.

דער הייליגער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן קכ"ט): **"אפילו מען ליגט אין א בלאטע – שרייט מען, און מען שרייט, און מען שרייט!"**

דער רבי האט מגלה געווען, ווען אידן זאלן וויסן די חשיבות פון דעם סוד פון 'אזמרה', קען מען מקרב זיין כל העולם כולו לעבודת השם יתברך!

(דברות קודש חוה"מ פסח אחד מהשנים)